THE HEBREW JOURNAL

# דער אידישער זשורנאל

A
JEWISH
CANADIAN
DAILY
Circulated
All Over
CANADA
And Abroad

פאליטיש
אונאפהענגיג
נאציאנאל.

א צייטונג וועלכע גיט
פרייהייט פון אויסדרוק
צו אלע שיכטען.

VOLUME XI No. 4330 — TORONTO TUESDAY NOVEMBER 25 1924 — כה חשון פרשה תולדות, תרפ״ה. — טאראנטא, דינסטאג דער 25־טער נאוועמבער, 1924. — PRICE THREE CENTS

N. Y. Public Library

### שטארקע ערד־ציטערניש אין יאפאן

טאקיא, נאוועמבער 24.

א שטארקע ערד־ציטערניש וואס האט אנגעהאלטען פיער מינוטען האט נעכטען אויפגעטרייסעלט די שטעדט קיאטא און נאגאסא. קיין ערנסטע באשעדיגונג איז ניט פארגעקומען.

## עגיפטישע רעגירונג רעזיגנירט, ענגלאנד שיקט דעם פלאט און פארכאפט קאסטאמס־הייזער

עגיפטען אנטזאגט זיך נאכצוגעבען אלע פאדערונגען פון דעם ענגלישען אולטימאטום. — זאגלול פאשא רעזיגנירט און א נייע רעגירונג ווערט פארמירט. — עגיפטישע ארמיי הויבט אן פארלאזען סודאן. — עטליכע קריגס־שיפען געשיקט צו די עגיפטישע האפען־שטעדט.

קאירא נאוועמבער 24.

דער עגיפטישער קאבינעט, מיט זאגלול פאשא בראש, האט רעזיגנירט און די רעזיגנאציע איז אנגענומען געווארען פון קעניג פאוד.

זיוואר פאשא האט זיך אונטערגענומען צו פארמירען א נייעם קאבינעט, אויף׳ן פארלאנג פון קעניג. זיוואר פאשא איז א מענש פון א מעסיגער ריכטונג.

עגיפטען האט נאכגעגעבען א טייל פון די ענגלישע פאדערונגען. די שאדענערזאץ פון א האלבען מיליאן פונט איז איינגעצאהלט געווארען און אויך איז אויסגעדריקט געווארען גרויס באדויערונג איבער׳ן מארד־אנפאל אויף׳ן ענגלישען קאמאנדיר. די רעגירונג האט זיך אבער אנטזאגט צוצושטימען צו דעם אז די עגיפטישע מיליטער זאל פארלאזען סודאן.

לארד אלענבי, דער הייקאמישאנער אין עגיפטען, האט אויף דעם געענטפערט מיט פארכאפען די קאסטאם־הייזער אין אלעקסאנדריע. אויך זענען עטליכע קריגס־שיפען געשיקט געווארען צו די עגיפטישע האפען־שטעדט.

די סיטואציע אין עגיפטען איז א העכסט־געפעהרליכע. מען ערווארטעט גרויסע פאליטישע דעמאנסטראציעס אין קאירא. די פאליציי און די ארמיי זענען גרייט צו אונטערדריקען אלע מעגליכע אומרוהען.

### 100 מיליאנינע הלואה צו פראנקרייך אינטער־געשריבען

ניו־יארק, נאוועמבער, 24.

די הלואה פון הונדערט מיליאן דאלאר וואס מארגאן האט ארראנזשירט פאר דער פראנצויזישער רעגירונג, איז אונטערגעשריבען געווארען אין וויניגער ווי א שטונדע צייט.

### הרב קוק וועט אויפגענומען ווערען פון קעניג

לאנדאן, נאוועמבער, 24, (איטא).

דער קאלאניאל אפיס ארראנזשירט איצט פאר הרב קוק פון ירושלים אן אודיענץ מיט׳ן קעניג.

הרב קוק וועט קירצליך אפפאהרען פון לאנדאן קיין פאלעסטינע.

### באוואוסטער זשורנאליסט, מ. באראנאוו, געשטארבען

ניו יארק, נאוועמבער 24, (איטא).

מ. באראנאוו, דער באקאנטער סאציאליסטישער שרייבער אין דעם ,,פארווערטס׳׳ איז היינט געשטארבען.

באראנאוו האט אנגעהויבען זיין ליטערארישע טעטיגקייט אין די אכציגער יאהרען אלס מיטארבייטער אין לאנדאנער ,,ארבייטער פריינד׳׳. שפעטער האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער איז געווען איינער פון די נאהענטסטע מיטארבייטער אין ,,פארווערטס׳׳. לעצטענס האט ער באזוכט פאלעסטינע און זיינע לעצטע ארטיקלען אין ,,פארווערטס׳׳ זענען געווען רייזע־שילדערונגען פון פאלעסטינע.

באראנאוו האט געהאט א באדייטענדען פוליציסטישען טאלאנט, א לייכטען סטיל און פיעל שארפזין. זיינע ארטיקלען זענען געווען פעליטאן־מעסיג און זיך געלייענט לייכט און אינטערעסאנט, כאטש אפט איז דער טאן געווען פריקרע, ספעציעל ווען ער האט געשריבען וועגען אידיש־נאציאנאלע ענינים.

### פראנקרייך שטימט איין, אז אמעריקע זאל קריגען איהר חלק דייטשען שאדענערזאץ

וואשינגטאן, נאוועמבער 24.

פון פאריז ווערט געמעלדעט אז די פראנצויזישע רעגירונג האט געביטען איהר פאריגע שטעלונג און האט איצט איינגעשטימט, אז אמעריקא זאל קריגען איהר חלק פון דייטשען שאדענערזאץ אויף די זעלביגע באדינגונגען ווי די אנדערע עליים.

די סומע שאדענערזאץ וואס אמעריקע דארף קריגען איז ארום דריי הונדערט מיליאן דאלאר, אויף דעם באדען זענען געווען ערנסטע סכסוכים צווישען אמעריקא און פראנקרייך. איצט זענען דיזע סכסוכים באזייטיגט געווארען.

### טשיעף אף פאלים נעהמט ניט ערנסט די ברענענדיגע צלמים

אונזער טשיעף אוו פאלים נעהמט ניט ערנסט די מעשה מיט די ברענענדיגע צלמים און די געהיימניספולע פיגורען אין ווייסע קיטלען וואס האבען זיך באוויזען זונטאג אוונט אין אונזער שטאדט. ער רעכנט, אז מען איז אביסעל מגזם די געשיכטע. ער איז אויך ניט שטארק באטריבט איבער דעם צי דער קו קלוקס קלען וועט זיך איינוואורצלען אין שטאדט אדער ניט.

,,דער קו קלוקס קלען איז א געהיימער ארדען׳׳, האט דער טשיעף געזאגט, ,,און איז פונקט אזוי אומשעדליך ווי אלע אנדערע געהיימע ארדענס וואס עקזיסטירען און האבען א געזעצליך רעכט צו עקזיסטירען. אויב זיי זאלען איבערטרעטען דעם געזעץ וועלען מיר וויסען וואס מיר האבען צוטאן.

**אטוירני דזשענעראל האנדעלט**

אטוירני דזשענעראל ניקל רעכנט אבער, אפנים, גאנץ אנדערש. נעכטען האט ער שוין אפגעהאלטען א קאנפערענץ מיט זיין געהילף, בעילי, און האט איהם געגעבען אינסטרוקציעס גלייך אנצוהויבען א קאמף געגען די קלאניקעס אין אנטאריא.

### ענגלישע אויסשטעלונג וועט אנהאלטען נאך א יאהר

לאנדאן, נאוועמבער, 24.

דיא ויסשטעלונג פון דער ענגלישער אימפעריע אין וועמבלי וועט אנהאלטען נאך א יאהר. אזא באשלוס איז געפאסט געווארען פון דער קאמיטע וואס פארוואלטעט מיט דער אויסשטעלונג.

עס איז וואהרשיינליך אז ניט אלע דאמיניאנס וועלען זיך ווייטער באטייליגען אין דער אויסשטעלונג.

### סמאל שוועסטער קריגען א היפשען טשעק

א טשעק אויף הונדערט טויזענט דאלאר איז נעכטען איבערגעגעבען געווארען צו די שוועסטער פון דעם פארשוואונדענעם טעאטער־מאגנאט, אמבראז סמאל.

### פארטראג פון מיס מעקפייל צוריקגעצויגען

דער געפלאנטער פארטראג פון מיס מעקפייל געגען מיליטערישע ערציהונג אין די סקולס איז צוריקגעצויגען געווארען איבער דעם וואס מיס מעקפייל איז קראנק געווארען אויף פארקילונג.

ווי באוואוסט האבען די שטאדט־טאטעס זיך שטארק געקאכט איבער דעם פארטראג. צוערשט האבען זיי ערלויבט, אז דאס זאל פארקומען אין א סקול־געביידע און נאכהער האבען זיי חרטה געקראגען.

### טשארלי טשאפלין האט א נייע כלה

האליוואוד, נאוועמבער, 24.

אין דער מואווי ־ קאלאניע רעש׳ט אז טשארלי טשאפלין איז ווידער געווארען א חתן. זיין נייע כלה זאל זיין ליטא גריי, א מואווי ־ אקטריסע.

### צוויי מענשען דערשאסען

ניו יארק, נאוועמבער 24.

פארבייפליהענדיג אין אן אויטאמאביל האבען אומבאקאנטע מענשען געשאסען אין א רעסטאראן אויף 101 ערשטע סטריט און דער׳הרג׳עט אויף טויט צוויי מענשען.

### די אידען אין קארפאטען־רוסלאנד

אונזער איראפעיאישער
קארעספאנדענט
**ל. באזאנאוויטש**
האט אונז צוגעשיקט צוויי בריעף וועגען די דאזיגע אידען. לעזט זיי מארגען מיטוואך אין ,,זשורנאל׳׳.

### אנטאריאר רעגירונג האט א דעפיציט איבער אכט מיליאן דאלאר דעם לעצטען יאהר

דער פראווינציעלער דעפיציט פון דער אנטאריאר רעגירונג פאר׳ן לעצטען יאהר, וואס האט זיך געענדיגט דעם 31־טען אקטאבער, איז עפעס מעהר פון אכט מיט א האלבען מיליאן דאלאר, לויט אן אפיציעלען רעגירונגס ־ סטייטמענט, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען פון פראווינציעל ־ טרעזשורער, וו. ה. פרייס. לעצטען יאהר איז דער דעפיציט געווען איבער פופצעהן מיליאן דאלאר.

די נעוועהנליכע הכנסה איז געווען מיט 34 מיליאן דאלאר מעהר ווי א יאהר פריהער און אויך די אויסגאבען זענען עטוואס פארקלענערט געווארען. לויט דעם טרעזשורער׳ס סטייטמענט שטאמט דער דעפיציט דערפון וואס די רעגירונג האט געמוזט אויסצאהלען גרויסע חובות פון פאריגען דרורי־רעזשים.

### אידישער לאיער, קא־רעץ, גרעסטער שווינדלער אין אמעריקע, אויסגעליפערט פון האליפאקס קיין שיקאגא

א שטוינענדע געשיכטע ווי דער אידישער לאיער, לעא קארעץ, האט באשווינדעלט א וועלט מענשען אויף מיליאנען דאלאר. — א יאהר צייט האט ער געלעבט אויף א מיליאנערסקען שטייגער, אלס קריסט אין א שטעדטעל לעבען האליפאקס. — זיינע אוואנטורעס לייענען זיך ווי א שונד־ראמאן.

האליפאקס, נאוועמבער, 24.

דער גרעסטער שווינדלער אויף׳ן אמעריקאנישען קאנטינענט איז דא נעכטען ארעסטירט געווארען אין דער פערזאן פון לעא קארעץ, א אידישער לאיער פון שיקאגא.

קארעץ האט דורכגעמאכט אזעלכע אוואנטורעס וואס קלינגען אומגלויבליך אפילו אין אמעריקא, אין לאנד פון אלע מעגליכקייטען. ער האט באשווינדעלט מענשען אויף מיליאנען דאלאר און גראדע ערפאהרענע און רייכע געשעפטסלייט זענען געווען זיינע קרבנות. ווען עס איז באקאנט געווארען, מיט א יאהר צוריק, אז קארעץ איז א פשוט׳ער שווינדלער, אז ער איז אנטלאפען מיט עטליכע מיליאנען דאלאר אין מזומן האט שיקאגא — די שטאדט וואו ער האט באטריבען זיין שווינדלערישען לעבען — געשטוינט. קיינער האט זיך ניט געקענט גלויבען, אז דער קארעץ, וועלכער האט גענאסען אלעמענס צוטרויען, זאל זיין א שווינדלער.

קארעץ איז בלויז א קורצע ווילע געווען א לאיער. ער האט געזופט צו ווערען מיט אמאל רייך און ער האט זיך גענומען צו פינאנץ. זיינע אונטערנעהמונגען זענען געווען רייז־פעלדער אין ארקאנזעס און אויל־קוואלען אין פאנאמא. הונדערטער מענשען האבען אינוועסטעט אין זיינע אונטערנעהמונגען מיליאנען דאלאר און האבען ניט געוואוסט, אז דער גאנצער עסק איז א שווינדעל.

**דער זייפענבלאז פלאצט**

ביז מאנכע אינוועסטארס האבען גענומען רידען וועגען שיקען אן עקספעדיציע קיין פאנאמא צו זעהן די אויל־קוואלען וועלכע קארעץ האט געשילדערט אלס אן אמת׳ע שמאלץ־גרוב. קארעץ איז ניט געווען דאגעגען אזא עקספעדיציע, פארקעהרט, ער האט נאך געמאכט א גוטע מינע צום בייזען שפיל און האט אליין אויסגעשטאט די עקספעדיציע, מיטפאהרענדיג מיט די מענשען ביז ניו־יארק.

דאן האט דער זייפענבלאז געפלאצט. א טעלעגראמע איז באלד געפלויגען צו קארעץ׳ן אין שיקאגא, אז די עקספעדיציע קאן ניט געפינען דעם פלאץ וואו די אויל־קוואלען געפינען זיך. קארעץ איז שוין דאן געווען פארשוואונדען, מיטנעהמענדיג מיט זיך צוויי מיליאן אין מזומן.

**באלוינונג פון צעהן טויזענט דאלאר פאר געפינען איהם**

א באלוינונג פון צעהן טויזענט דאלאר איז באשטימט געווארען צו דעם יעניגען וואס וועט פאראורזאכען קארעץ׳ס ארעסט. א יאהר צייט איז אוועק און ערשט איצט האט מען אויסגעפונען, אז דער שווינדלער געפינט זיך אין א שטעדטעל לעבען האליפאקס. א רייזענדער פון שיקאגא האט געווארפען א חשד אויף דעם מאדנעם מיליאנער, וועלכער האט זיך פלוצלינג באוויזען אין יענעם געגענד און ווייטער האט שוין די פאליציי געטאן איהר חוב.

**האט פארלאזען א בארד און געשאטען מיט געלט**

אין האליפאקס האט קארעץ געלעבט אונטער׳ן נאמען לאו קיטל און איז געווארען א פראמינענטער מענש דורך זיינע רייכע פארוויילונגען פאר די ארומיגע מענשען. כאטש א איד האט ער זיך ניט געשטערט צו ווערען פראמינענט אין די קירכע־קרייזען.

קארעץ האט באלד צוגעגעבען, אז ער איז דער חברה־מאן און האט צוגעשטימט אויסגעליפערט צו ווערען קיין שיקאגא.

**האט אפילו באשווינדעלט זיין פרוי און מוטער**

אפילו זיין פרוי און זיין מוטער האט קארעץ באשווינדעלט. אויך זיי

(פארזעצונג אויף פיידזש 2)

### צוויי לופט־פליהער דערטרונקען אין לייק?

וואטערטאון, ניו־יארק, נאוועמבער, 24.

מען שרעקט זיך דא אז די צוויי לופט ־ פליהער, גראבי און ד׳אן, זענען דערטרונקען געווארען אין לייק אנטאריא אדער אין סט. לארענס ריווער.

די צוויי פליהער זענען געפלויגען אין איין שיף. זייער מארשרוט איז געווען קיין פלארידא, איבער׳ן וועג פון אסוועגא. פאראוים איז געפלויגען נאך א שיף מיט דעם לופט־פליהער, דזשאזעף ראזבאק.

אין דעם געגענד פון לייק אנטאריא האט ראזבאך פארלארען זיינע קאמפאניאנען און האט זיי ניט געקענט געפינען, טראץ אלע באמיהונגען.

דאס מאכט צום גלויבען, אז די לופט־פליהער זענען אריינגעפאלען אין וואסער מיט זייער לופטשיף און זענען אומגעקומען.

### מיידעל שטארבט פון פארגיפטונג

קינגסטאן, אנט., נאוועמבער, 24.

מארגארעט מאריסאן, א פופצעהן יעהריגע מיידעל, איז נעכטען געשטארבען פון עסען פארגיפטעטע שפייז. איהרע עלטערע שוועסטער, מערי, ליגט קריטיש קראנק, פון דער זעלבער אורזאך. אויך זייערע א פריינדין איז קראנק געווארען אבער ניט ערנסט.

### היינט קומט פאר די ביי־עלעקשאן אין וועסט הייסטינגס

בעלוויל, אנטאריא, נאוועמבער, 24.

מארגען וועט פארקומען די ביי־עלעקשאן אין וועסט הייסטינגס, וואו דער קאמף איז צווישען דעם קאנסערוואטיווען קאנדידאט, גוס פארטער און דעם ליבעראלען קאנדידאט, טשארלס האננא.

די ,,אישו׳׳ אין דיזער פעדעראלער ביי־עלעקשאן איז וועגען דער האנדלונג פון ארבייטס ־ מיניסטער, מורדאק, מיט זיין צוריקציהען געלט פון האם באנק ערב דעם באנקראט. פארטער, ווי באקאנט, האט פארפיהרט א קלאגע געגען דעם מיניסטער און ווען דער לעצטער איז ריינגעוואשען געווארען האט פארטער רעזיגנירט כדי די בירגער פון זיין וואהל־קרייז זאלען קאנען אורטיילען וועגען דער פראגע.

דער וואהל־קאמף איז געווען זעהר א היציגער. די גרעסטע פיהרער פון ביידע פארטייען ווי ארטור מיהען און פרעמיער קינג, האבען דא אדרעסירט פארזאמלונגען און אויך מורדאק אליין איז געקומען האלטען רעדעס.

### פראפעצייעט נאך א שרעקליכע וועלט־מלחמה

פאריז, נאוועמבער, 24.

אלבערט סראוט, דער געוועזענער קאלאניען ־ מיניסטער און עקס גאווערנאר־דזשענעראל פון אינדא ־ כינא, האט דא אין א רעדע ערקלעהרט, אז אין דעם ווינקעל פון דער וועלט, וואו עס ליגט דער פאסיפישער ים, ווערט צוגעגרייט דער באדען פאר א וועלט ־ מלחמה, וואס וועט זיין נאך שרעקליכער ווי די מלחמה וואס האט זיך אנגעהויבען אין די סוף יולי טעג פון 1914.

אויב די לייטענדע גייסטער פון יאפאן און אמעריקא וועלען ניט זוכען אויסצומיידען די מלחמה וועט אויסברעכען א שרעקליכע קריג, האט דער רעדנער געזאגט.

### אידישע בחורים קריגען צוויי יאהר תפיסה פאר פארשטעלען די אינקוויזיציע אויף א מאסקאראד־באל

ווארשא, נאוועמבער, 24, (איטא).

צוויי בחורים, יעקב וועקסלער און אברהם ווערטצבערגער, זענען איצט פאראורטיילט געווארען צו צוויי יאהר תפיסה, אויף דער קלאגע, אז זיי האבען באליידיגט די קריסטליכע רעליגיע.

דער פראצעס איז נאך פארגעקומען מיט א לענגערער צייט צוריק. לעצטען יאהר, ביי א חנוכה מאסקאראד ־ באל איז וועקסלער געווען מאסקירט אלס אן אינקוויזיטאר מיט א צלם און דער צווייטער בחור איז געווען מאסקירט אלס דער טייוועל. אויף דעם גרונד איז עס באזירט געווארען די קלאגע געגען זיי, און זיי זענען פאראורטיילט געווארען צו זעקס חדשים תפיסה.

ביידע צדדים האבען אפעלירט געגען דעם אורטייל און איצט האט דער העכערער געריכט פארביטען דעם אורטייל אויף צוויי יאהר תפיסה.

### אידישע פארשטעהער באגריסען קאטוילישען גייסטליכען אין אונגארן

וויען, נאוועמבער, 24, (איטא).

דעלעגאציעס פון אידישע קהלות אין אונגארן האבען באגריסט דעם הויפט פון דער קאטוילישער קירכע, צו דער געלעגענהייט פון זיין האלטען די טויזענדסטע דרשה.

דער רב הכולל האט געבענטשט דעם גייסטליכען און האט געהאלטען א רעדע אין העברייאיש.

דער גייסטליכער האט אויף דעם געענטפערט מיט א רעדע אין וועלכער ער האט באטאנט אז אלע מענשען זענען גלייך און אלע רעליגיעס דארפען רעספעקטירט ווערען.

### קאנאדע׳ס שטארקסטער מאן געשטארבען

פרעדריק הערבערט ביזלי, באקאנט אלס קאנאדע׳ס שטארקסטער מאן, איז זונטאג געשטארבען אין זיין טאראנטאר היים. ער איז אלט געווען 38 יאהר.

מר. ביזלי האט א לאנגע צייט באוויזען זיין גבורה אויף דער ביהנע. ער איז ארומגעפאהרען אויף דער גאנצער וועלט אלס ,,קאנאדע׳ס שטארקסטער מאן׳׳. ער פלעגט קענען אויפהויבען ביז צוואנציג מענשען מיט אמאל, בויגען פאדקאוועס און ווייזען אנדערע קונצען מיט זיין גבורה.

### וועט באריכטען צום פאפסט

ירושלים נאוועמבער 24, (איטא).

בארלאסינא, פארטרעטער פון דעם פאפסט אין פאלעסטינא, איז אפגעפאהרען קיין רוים צו באריכטען וועגען דער לאגע פון די קאטוילישע אינטערעסען אין לאנד.

### בארימטער קירכע־היסטאריקער א משומד, געשטארבען

בודאפעסט, נאוועמבער, 24, (איטא).

דא איז נעכטען געשטארבען דער בארימטער קירכע־היסטאריקער, דער בישאף ווילהעלם פראנקנאי, אין עלטער פון 83 יאהר.

פראנקנאי איז געווען א איד מיט׳ן נאמען פרענקעל, וועלכער האט זיך געשמד׳ט אין יאהר 1892.

### מרס. ווילסאן ע״ה

25 שערלי עוועניו

איז נעכטען אוונט פלוצלונג געשטארבען. די לויה וועט זיין היינט צוועלף (12) א זייגער פון דער פארשטארבענער׳ס לעצטע וואוינונג.

אלע מעמבערס פון דער רוסישער שוהל, פריינט און באקאנטע זענען געבעטען קומען אפגעבען די לעצטע עהרע דער פארשטארבענער.